**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**דערקלערונג פון גאווערנער האקול אויף סופרים געריכט באשלוס צו איבערקוקן קעיס וואס באשיצט איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאט פון ביקס געוואלדטאט**

"נאך א טראגעדישע כוואליע פון מיינונגען די וואך, האבן מיר היינט געלערנט אז די אמעריקאנער סופרים געריכט וועט יעצט נעמען אין באטראכט צו איבערקערן א געזעץ וואס האלט צוריק געווער פון דאמעסטישע געוואלדטאט אביוזערס און באשיצט איבערלעבער. דאס קומט איין יאר נאך די געריכט האט אומפאראנטווארטליך איבערגעקערט א געזעץ וואס איז א הונדערט יאר אלט וואס שטעלט אוועק לאגישע ביקס זיכערהייט געזעצן אין ניו יארק. איך בין שוואר באטריבט אז די אמעריקאנער סופרים געריכט איז יעצט נאכאמאל גרייט צו אראפנעמען די רעכט פון א גאווערנער צו באשיצן איר סטעיט'ס עמפינדליכסטע איינוואוינער און איבערלעבער פון דאמעסטישע אביוז פון ביקס געוואלדטאט.

מיר וועלן האלטן א שטרענגע אויפזיכט אינעם צייט וואס די אמעריקאנער סופרים געריכט קוקט איבער די קעיס, אבער אונזער פארפליכטונג בלייבט דאס זעלבע: מיר וועלן ווייטער נעמען שטרענגע שריט צו באשיצן באטראפענע פון געשלעכט-באזירטע געוואלדטאט און ענדיגן די ביקס געוואלדטאט עפידעמיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן